**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/23/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט ערגרייכונג פון מער פון 100 EVOLVE NY שנעלע טשארדזשערס פאר עלעקטראנישע קארן אינסטאלירט

***נייע טשארדזשערס פארברייטערן EV אינפראסטראקטור אין לאנג איילענד וואס איז א היים פאר כמעט 30 פראצענט פון ניו יארק סטעיט'ס EV אייגנטימער***

***זעהט ווידעאו פייערנדיג ניו יארק'ס ריינע טראנספארטאציע ערגרייכונג [דא](#) און בילדער פון לאנג איילענד פלאץ [דא](#)***

***זעהט א מאפע פון EVolve NY טשארדזשינג סטאנציעס [דא](#)***

לכבוד די ענדע פון קלימאט וואך, האט גאווערנער קעטי האקול היינט אנאנסירט אז מער פון 100 שנעלע טשארדזשערס זענען איסטאלירט געווארן איבערן סטעיט אלץ טייל פון די ניו יארק פאווער אויטאריטעט'ס (New York Power Authority, NYPA) EVolve NY שנעלע טשארדזשער נעטווארק פאר עלעקטראנישע קארן. די לעצטע 'דיירעקט קאָרענט' שנעלע טשארדזשערס וועלכע זענען אינסטאלירט געווארן אין ריווערהעד'ס שטאטישע צענטער און אין קאַמעק אין סופאלק קאונטי זענען די EVolve NY נעטווארק'ס ערשטע שנעלע טשארדזשינג סטאנציעס אין לאנג איילענד, וואו כמעט 30 פראצענט פון ניו יארק סטעיט'ס עלעקטראנישע קאר אייגנטימער וואוינען. נאך א שנעלע טשארדזשינג סטאנציע אין ברידזשהעמפטאן וועט פארענדיגט ווערן אין אקטאבער.

"מיט איבער 100 EVolve NY שנעלע טשארדזשערס אויסגעשפרייט איבערן סטעיט, האט ניו יארק זיך אוועקגעשטעלט אלץ א פירער מיטן שטופן פאר ריינע טראנספארטאציע און פארמינערן עמיסיעס פון די טראנספארטאציע אינדוסטריע — די גרעסטע מקור פון שעדליכע גאז עמיסיעס אינעם לאנד", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די לעצטע דריי טשארדזשערס וועלכע קומען קיין לאנג איילענד – וואו עס וואוינען די מערסטע EV (עלעקטראנישע קארן) דרייווערס אין די גאנצע סטעיט – צייכענען אפ אונזער פארשריט מיטן בויען די נויטיגע אינפראסטראקטור צו שטיצן אונזער אריבערגאנג צו עלעקטראנישע קארן אין דעם קאמף קעגן קלימאט טויש."

ניו יארק פאווער אויטאריטעט'ס EVolve NY שנעלע טשארדזשינג אפענע-צוטריט טשארדזשינג נעטווארק האט אינסטאלירט שנעלע טשארדזשערס אין וויכטיגע לאקאציעס לענגאויס הויפט הייוועיס און אין שטאטישע געגנטער כדי דאס צו גרינגער מאכן פאר ניו יארקער צו דרייוון EV's. סיי וועלכע EV וואס פארט אויף באטעריע קען ווערן ריטשארדזשד ביי אן EVolve NY פלאץ אין אזוי וויניג ווי 20 מינוט. EV's אפפערן א ריינערע טראנספארטאציע מיטל וואס העלפט באלאנסירן די עמיסיעס פון קארן וועלכע פארן אויף גאז און העלפט פאראויס רוקן ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע ציהל אין דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ( Climate Leadership and Community Protection Act, קלימאט געזעץ) צו רעדוצירן קארבאן עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050.

**דריי נייע לאנג איילענד פלעצער פארברייטערן שנעלע טשארדזשינג סטאנציעס**

לויט EvaluateNY, איז לאנג איילענד היים צו כמעט 30 פראצענט פון ניו יארק'ס EV אייגנטימער, מיט 32,090 קארן אויפן ראוד, א העכערע פראצענט פון סיי וועלכע אנדערע ראיאן אין די סטעיט. מער פון 26 פראצענט פון די יעצטיגע פובליק און פריוואטע 1,020 DCFC טשארדזשער פארטס אין די סטעיט געפונען זיך אין לאנג איילענד. EVolve NY'ס פארברייטערונג אין לאנג איילענד וועט צושטעלן גרינגערע צוטריט צו EV טשארדזשינג פאר לאנג איילענד איינוואוינער.

EVolve NY טשארדזשערס זענען יעצט אפן ביי א שאפינג צענטער אויף 656 Commack Road אין קאַמעק און אין א פארקינג לאט אין די אייגנטום פון די לאקאלע רעגירונג ביי 209 East Ave. אין ריווערהעד. טשארדזשערס ביי א ברידזשהעמפטאן לאט אויף 99 School Street זענען ערווארטעט זיך צו עפענען סוף אקטאבער. א סך הכל פון 140 EVolve NY שנעלע טשארדזשערס זענען ערווארטעט צו זיין אפן אריבער די סטעיט ביז סוף יאר.

די פיר 'דייערעקט קאַרענט' שנעלע טשארדזשערס (direct current fast chargers, DCFC) וועלכע שטייען אין ריווערהעד און אין קאַמעק קענען ריטשאַרדזשען יעדע סארט אדער מאדעל EV צו 80 פראצענט אין אזוי ווייניג ווי 20 מינוט. די טשארדזשינג סטאנציעס זענען אויסגעשטאט מיט שנעלע טשארדזשינג קאנעקטארס וועלכע ערמעגליכן אלע עלעקטראנישע קארן, אריינרעכענענדיג Tesla קארן מיט אן אדעפטער, זיך איינצופלאגן. די ריווערהעד און קאַמעק שנעלע טשארדזשינג בלאקס ווערן צוגעשטעלט דורך PSEG Long Island פאר די לאנג איילענד פּאַווער אויטאריטעט. ריווערהעד אט אויך פיר פובליק לעוועל-2 טשארדזשערס וועלכע קענען גענוצט ווערן פאר טשארדזשינג דורכאויס א לענגערע סטאפ. די קאַמעק טשארדזשערס זענען די ערשטע שנעלע אדער לעוועל-2 טשארדזשערס אין די העמלעט.

די אינסטאלאציע פון די ריווערהעד טשארדזשערס – אויפגעשטעלט ביי 209 East Avenue – איז אויף א פלאץ וואס איז אידענטיפיצירט געווארן אין די סטעיט דעפארטמענט'ס שטאטישע צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI). דער פראגראם בויט אויף פובליק און פריוואטע אינוועסטירונג צו שאפן לעבעדיגע ביזנעס דיסטריקטס אין שטאטישע צענטערן. ריווערהעד איז איינס פון זעקס שטעט וועלכע האלטן אויף EVolve NY טשארדזשערס אין צוזאמענארבעט מיט דעם DRI פראגראם צו מאכן דרייוון EV'ס א מער צוגענגליכע אפציע פאר מער לאקאלע איינוואוינער און פאר אלע ניו יארקער בשעת'ן אויך שטיצן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין שטאטישע צענטערן ארום די סטעיט. דער פראגראם וועלכער ווערט אנגעפירט דורך מערערע אגענטורן, גערופן DRIve EV Downtown, רעכנט אריין נאך DRI לאקאציעס וועלכע האבן אינסטאליט שנעלע EV טשארדזשינג, אריינרעכענענדיג אין אמסטערדאם (מאַנטגאָמרי קאונטי), דזשעניווע (אנטאריאָ קאונטי), מידלטאון (אראנדזש קאונטי אין די האָדסאן וואלי), יוּטיקע (אָניידע קאונטי) און אָסוועגאָ (אסוועגאָ קאונטי).

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט ציטוויליגער פרעזידענט און CEO, דזשאַסטין ע. דריסקאל, האט געזאגט,** "אלץ א פיאניר אין די EV טשארדזשינג פעלד, לייגט NYPA אראפ די יסוד אין א שנעל-וואקסנדע אינדוסטריע, אינסטאלירנדיג שנעלע טשארדזשערס דורכאויס די סטעיט אין א שנעלערע, טעכנאלאגישע און שפארזאמע וועג. דאס איבערשטייגן די 100 טשארדזשערס באפעסטיגט די רוקן ביין פון אונזער נעטווארק איבערן סטעיט און עס אינספירירט אפילו מער אינוועסטירונג אין אונזער אריגינאלע ציהל צו העלפן אריבערפירן מער דרייווערס צו עלעקטריציטעט לענגאויס ניו יארק'ס הויפט הייוועיס. EV באנוץ שטייגט צו רעקארד הייכן אין לאנג איילענד, און די NYPA איז שטאלץ צו העלפן מאכן דאס דרייוון EV'ס גרינגער."

**ניו יארק סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "די עררייכונג ווייזט ארויס די סטעיט'ס פירערשאפט מיטן מאכן א ריינערע, גרינערע ניו יארק. אראפנעמען שטאטישע צענטערן פון קארבאן באנוץ און אינוועסטירן אין קלימאט-פריינטליכע אינפראסטראקטור זענען וויכטיגע שריט צו אויפלעבן שטאטישע צענטערן. ניו יארקער קערן זיך צוריק צו מער לעבעדיגע און פונדאסניי-אויסגעמשל'טע שטאטישע צענטערן און זיי מאכן מער פריינטליך צו די ענווייראמענט איז א פריאריטעט פאר די DOS."

**CEO פון די לאנג איילענד פאווער אויטאריטעט , טאמאס פאלקאָן, האט געזאגט,** "איך וויל וואונטשן די NYPA אויף זייער עררייכונג פון 100 שנעלע EV טשארדזשערס, און אזוי אויך פארן עפענען די ערשטע דריי EVolve NY שנעלע טשארדזשערס אין לאנג איילענד. מיט EV טשארדזשערס ווערנדיג גרינגער צו צוקומען צו, וועט די אינטערעסע פון די פובליק אין די טעכנאלאגיע נאר ווערן מער, און עס לייגט אונז אויף די וועג צו הצלחה צו קענען נאכקומען ניו יארק'ס ריינע-ענערגיע ציהלן. מיר קוקן ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן צוזאמען מיט אונזערע שותפים ביי די NYPA צו טוהן אלעס וואס מיר קענען כדי צו מוטיגן מענטשן אריבערצוגיין צו EV'ס אריבער אונזער ראיאן דורכן אויפקלערן און צוציהען מענטשן."

**ריווערהעד טאַון סופּערווייזאר איוועט אגילער האט געזאגט,** "טשארדזשינג סטאנציעס ווי די EVolve שנעלע טשארדזשערס העלפן פארשטערקערן ריווערהעד'ס שטאטישע צענטער אלגעמיינע אינפראסטראקטור וואס איז קריטיש פאר די אלגעמיינע אויפלעבונג און ווידער-אויפשטייג פון אונזער שטאטישע צענטער. אזוי ווי מער און מער ניו יארקער גייען אריבער צו עלעקטראנישע קארן, וועט די צוגענגליכקייט צו די טשארדזשערס אן א ספק ווערן א מער פארשפרייטע זאך."

**פרעזידענט און CEO פון Electrify America (עלעקטריפיציר אמעריקע), דזשיאָוואַני פאלאזאָו, האט געזאגט,** "מיר זענען שטאלץ צו פייערן די ניו יארק פאווער אויטאריטעט'ס עררייכונג פון מער פון 100 טשארדזשערס אין איר EVolve NY טשארדזשינג נעטווארק. דורך אונזער אנגייענדע צוזאמענארבעט, העלפט Electrify America ארויס די NYPA צו פאראויס רוקן באוועגונג מיט עלעקטראנישע קארן פאר יעדן איינעם אין ניו יארק סטעיט."

**דירעקטאר פון ענערגיע שפארזאמקייט און ריינע ענעריגע ביי PSEG Long Island, מייקעל וואלץ, האט געזאגט,** "PSEG Long Island גראטולירט NYPA אויף די באגייסטערנדע עררייכונג. עס איז אונז געווען א פארגעניגן צו ארבעטן מיט די NYPA צו אויפקומען מיט א דעזיין וואס איז געווען אנגענומען אויף אלע זייטן צו פארבינדן די שנעלע EV טשארדזשינג סטאנציעס צו די עלעקטראנישע 'גריד' צו צושטעלן שנעלע און פארלעסליכע טרייב קראפט פאר EV אייגנטימער וועלכע זוכן צו שנעלערהייט טשארדזשען זייערע קארן. לאנג איילענד האט די העכסטע פראצענט פון די עלעקטראנישע קארן פער סך הכל קאר אייגנטימער פון יעדע געגנט אין ניו יארק סטעיט, און מיר זענען באגייסטערט צו האבן נאך EV סטאנציעס קומענדיג צו אונזער ראיאן."

**פארזיצערין פון Drive Electric Long Island (דרייוו עלעקטראנישע - לאנג איילענד), מארדזשאנע איסאפאר, האט געזאגט,** "Drive Electric Long Island לויבט אויס די NYPA אויף איר EVolve NY שנעלע טשארדזשינג פראגראם צו מאכן EV טשארדזשינג שנעל, ביליג און באקוועם דא אין לאנג איילענד און איבער גאנץ ניו יארק. אונזער ציהל איז צו פארשנעלערן און מוטיגן דאס אריבערגיין צו EV'ס און נאך טשארדזשינג אינפראסטראקטור דורך שתדלנות, אויפקלערן און ארבעטן מיט מענטשן. די EVolve NY נעטווארק מאכט דאס אנקומען דערצו פיל גרינגער און רופט זיך אפ צו די באדערפענישן פון לאנג איילענד EV דרייווערס. מיט לאנג איילענד זייענדיג די היים צו 30 פראצענט פון EV'ס אין ניו יארק סטעיט, דארפן אונזערע דרייווערס זיכער מער טשארדזשינג אפציעס. מיר זענען שטאלץ צו פייערן די 100'סטע EVolve סטאנציע דא אין ריווערהעד און די צוגעקומענע סטאנציעס אין קאַמעק און ברידזשהעמפּטאן צו די נעטווארק."

**ניו יארק סטעיט'ס פארשריט אין ריינע טראנספארטאציע**

ניו יארק סטעיט האט א ציהל צו אנקומען צו 850,000 עמיסיע-פרייע קארן ביז 2025, און אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן זאלן זיין עמיסיע-פריי ביז 2035. ניו יארק רוקט זיך פאראויס שנעלערהייט אין די ריכטונג פון די ציהלן דורך א רייע איניציאטיוון, אריינרעכענענדיג EV Make Ready (EV מאכט גרייט), EVolve NY, די Drive Clean Rebate (דרייוו ריין צוריקצאלונג), די ניו יארק טראק וואָוטשער באלוינונג פראגראם (New York Truck Voucher Incentive Program, NYTVIP) און Charge NY. די באמיאונגען האבן בייגעשטייערט צו א רעקארד וואוקס אין די צאל עלעקטראנישע קארן וועלכע זענען פארקויפט געווארן אין ניו יארק אין 2021, ברענגענדיג די סך הכל צאל EV'ס אויפן ראָוד – וואו עס האט געהאלטן אין סעפטעמבער 2022 – צו איבער 114,000, און די צאל טשארדזשינג סטאנציעס אין די סטעיט צו איבער 10,000, אריינרעכענענדיג לעוועל-2 און שנעלע טשארדזשערס.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אגענדע איז דער מערסט-אגרעסיווער קלימאט און זויבערע ענערגיע איניציאטיוו אין דעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר׳דיגע און יושר׳דיגע טראנזיציע צו זויבערע ענערגיע וואס שאפט דזשאבס און טוט ווייטער אונטערהייבן א ׳גרינע עקאנאמיע׳ אין דער צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע. דורך דאס אריינגעשטעלן אין געזעץ דורך דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו גרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביים יאר 2040, אריינגערעכנט דאס שאפן פון 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביים יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט לענגאויס דער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען צו שנעלערהייט פארגרעסערן ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג און אריבערגאנג פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 1.8 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאולער ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון און איבער 1.6 ביליאן דאלאר אין NY Green Bank (גרינע באנק) פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען באלד 158,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין 2020, א 2,100 פראצענטיגער העכערונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז׳ן יאר 2035. אונטער דעם קלימאט געזעץ וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריט און רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט פון די שטאפלען וואו עס האט געהאלטן אין 1990 ביז 2050, און אין די זעלבע צייט פארזיכערן אז צום וויינגסטנס 35 פראצענט — שטרעבנדיג צו 40 פראצענט — פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען זאלן אנקומען צו קאמיוניטיס וועלכע זענען אין נויט, און צו מאכן פארשריט אין די ריכטונג פון די סטעיט'ס 2025 ענערגיע שפארזאמקייט ציהל צו רעדוצירן די ענערגיע וואס ווערט אויפגענוצט אויפן ארט שפארנדיג 185 טריליאן BTU'ס פון ענערגיע וואס ווערט למעשה גענוצט.

**איבער די ניו יארק פאווער אויטאריטעט**

NYPA איז דער גרעסטע סטעיט פובליק ענערגיע קראפט ארגאניזאציע אין דעם לאנד, און וועלכער אפערירט 16 דזשענערעיטינג פאסיליטיס און מער ווי 1,400 מייל פון טראנסמיסיע ליניעס מער ווי 80 פראצענט פון די עלעקטריק וועלכע NYPA פראדוצירט איז זויבערע רעניועבל היידראָ-פאַווער. NYPA נוצט גארנישט קיין טעקס געלט אדער סטעיט קרעדיט. אירע אפעראציעס ווערן פינאנצירט דורך דאס פארקויף פון באנדס און איינקונפט פארדינט אינגאנצן דורך פארקויפן עלעקטריק. פאר מער אינפארמאציע באזוכט www.nypa.gov און פאלגט אונז נאך אויף טוויטער @NYPAenergy, פעיסבוק, Tumblr, Instagram און LinkedIn.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418